# טיפן פון טשעטל

**חיים פעפער**, ארגנטינה



הערשל בעל־שם (רובינשטיין).

## הערשל בעל שם

מ׳האָט אים אַזוי גערופן, ווייל אין זיין גאַנץ לעבן האָט ער נישט אַרויסגעבראַכט קיין שלעכט וואָרט. כסדר זענען אויף זיינע ליפּן געווען נאָר ברכות פאַר יעדן איינעם. ווען עס איז געבוירן געוואָרן ביי עמעצן אַ קינד, פלעגט ער קומען אין שטוב אַריין ווינטשן און געזאָגט: „וויפל שינדלען ס׳זענען דאָ אויפן דאַך, אַזוי פיל מלאכים זאָלן זיין ביי דיר וואַך".

ער איז געווען דער שמש אין דער טריסקער שול און אַ טריסקער חסיד. מ׳דערציילט, אַז אויף דער עלטער, ווען ער האָט שוין שלעכט געזען און נישט דערקאָנט, כמעט, די מענטשן, פלעגט ער מיט די הענט טאַפּן און אָננעמען יעדן איינעם, דריקן זיין האַנט און ווינטשן אים דאָס בעסטע.

איינמאָל האָט ער אָנגעטאַפּט דעם עלעקטרישן סלופּ און אים געהאַלטן אין איין בענטשן...

## יוסף דעקעלבוים

דער בעל־הבית פון דער עלעקטראָווניע איז געווען יוסף דעקעלבוים, זייער אַ שיינער מאַן און אַן אַריסטאָקראַט. זיין גאַנץ לעבן פלעגט ער זיין מערסטנטייל אין פּעטערבורג. צוליב זיין שיינקייט און איידל אויסזען איז ער דערגאַנגען צו זיין אַ מקורב אין צאַר ניקאָלאַיס הויף. מ׳זאָגט אַז די דאַמען האָבן אים שטאַרק פּראָטעזשירט און אין זייער זכות האָט ער באַקומען די קאָנצעסיע אויף דער עלעקטראָווניע אין ראָזשישטש.

די עלעקטראָווניע האָט געגעבן ליכט פאַר ראָזשישטש אין די גאַסן; זייער אָפט פלעגט עפּעס פּאַסירן און דאָס ליכט האָט געצאַנקט אָדער זיך פאַרלאָשן. די לצים פלעגן זיך וויצלען: „שוין ווידער אַריין אַ פליג צו דעקעלבוימען אין נאָז אַריין"...

אין די הייזער האָבן נאָך געברענט, ביז די לעצטע יאָרן, מערסטנטייל נאַפט־לאָמפּן.

דעקעלבוימס זין גרישא, יאַשאַ, און מישאַ זענען נישט געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן. זיי זענען געווען פייערלעשער, ליב געהאַט רעדן רוסיש, וואָס די יידן האָבן ניט געדולדעט. מען פלעגט זיי רופן: „דעקעלבוימס ליידיק־גייער"...

דער נאָמען דעקעלבוים האָט געהאַט אַ באַזונדערע חשיבות אין שטעטל.



חיים פעפער אין דער פוילישער אַרמיי.